# אברהם רייזען

## די אָרעמע קהלה

דאָס שטעטעלע וואָינאָווקע, וואָס באַשטייט פֿון פֿערציק הײַזער און פֿינף און דרײַסיק בעלי-בתּים, ווײַל פֿינף הײַזער שטייען ליידיק, וויגט זיך, רוישט און קאָכט, ווי אַ קליין טײַכל ערבֿ-פּסח, ווען דער שניי צעגייט. עס איז אָבער ניט ערבֿ-פּסח, עס איז אַ וואָך פֿאַר ראש-השנה, – אַ וואָך פֿאַר ראש-השנה, און די קהלה האָט נאָך נישט קיין בעל-תּפֿילה...

אין דעם נאָענטן שטעטל יאַכנאָווקע, וואָס איז פֿיל מאָל גרעסער פֿאַר וואָינאָווקע, קען מען אפֿילו קריגן אַ בעל-תּפֿילה און דווקא רעכטן מיט אַ האַלדז מיט אַ געמבע און מיט חזנישע שטיק, וויל ער אָבער מען זאָל אים גוט באַצאָלן – און דאָ איז דאָס אומגליק! דאָס שטעטל וואָינאָווקע האָט געפּטרט די עטלעכע קהלישע רובל אויף אַ חזן, וועלכן דער שוואַרץ-יאָר האָט הײַנטיקן זומער אָנגעטראָגן, און האָט געדאַוונט אַ שבת-מבֿרכים מיט זעקס זינגער. צוריק גערעדט איז דאָס ווערט געווען: צײַט וואָינאָווקע איז וואָינאָווקע האָט זי אַזאַ נגינה ניט געהערט. דער בית-מדרש, וועלכער איז שוין אַלט איבער צוויי הונדערט יאָר, לויט ווי די אַלטע לײַט דערציילן, האָט דעם דאָזיקן חזן מיט זײַן קאַפּעליע קוים איבערגעלעבט. די פֿענצטער האָבן זיך געטרייסלט, די ווענט האָבן זיך געשאָקלט און פֿון דער סטעליע אויבן איז גאַנצע שטיקער קאַלך געפֿאַלן... פֿון גרויס התפּעלות האָט מען דעם דאָזיקן חזן מיט זײַן קאַפּעליע דאָס גאַנצע געלט, קהל האָט פֿאַרמאָגט, אַוועקגעגעבן, און איצט, אַ וואָך פֿאַר ראש-השנה, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז עס איז ניטאָ אַ גראָשן פֿאַר וואָס צו דינגען אַ בעל-תּפֿילה, און דער עולם האָט זיך איצט פֿאַרזאַמלט אין בית-מדרש צו באַקלערן אַן עצה.

– דאָס איז געווען אַן אַקט אין דער וועלט! – האָט געשריִען אריה לייב דער שנײַדער, וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ שיינען ייִדן , ווײַל ער האָט אַ לאַנגע באָרד און האָט אַ בחורל, וואָס לערנט אין יאחנאווקער ישיבֿה.

– שיַיך אַן אַקט! דאָס קען נאָר טרעפֿן ביַי אונדז! האַלט אונטער חיים דער גלעזער: מען זאָל נעמען און אַוועקגעבן אַ חזן אין אַ מיטן יאָר דאָס גאַנצע געלט, וואָס קהל פֿאַרמאָגט!

– עס איז געווען אַ משוגעת! אַ ריינע משוגעת! דריקט מיט די פּלייצעס חנן דער מלמד.

– איר ווייסט וואָס איך וואָלט געפּסקנט – נעמט אָן זרח דער שוסטער דאָס בערדל, און מאַכט אַ מינע פֿון אַ רבֿ: – איך וואָלט געפּסקנט, אַז די וואָס האָבן פֿאַרהאַלטן דאָ דעם חזן און האָבן אים באַדונגען, זאָלן איצט דינגען פֿאַר זייער געלט אַ בעל-תּפֿילה. דאָס איז מיַין עצה! האָט ער אויסגעלאָזן מיט גרויס ערנסט, פּונקט, ווי עס ווענדט זיך נאָר אָן זיַין עצה...

– היַינט גיי טרעף, ווער האָט אים באַדונגען? אַלע האָבן אים באַדונגען! צושלאָגט זלמן דער שמיד זרחס עצה; אַלע האָבן געוואָלט הערן אַ מאָל אין אַ נאָווענע אַ ביסעלע נגינה. עס איז אפֿשר ניט קיין עוולה. אָבער ווען? אַז דאָס שטעטל איז ריַיך! אַ יאַכנאָווקע קען זיך פֿאַרגינען אין מיטן יאָר אויסגעבן אויף אַ חזן עטלעכע רובל, אָבער ניט מיר, קבצנים.

– איז וואָס בליַיבט פֿאָרט! הערן זיך צום סוף געשרייען אין בית-מדרש.

– עס איז ניט פֿריילעך! – ענטפֿערט איינער.

– חיַיקל שעפּס וועט דאַווענען מיטן שבתדיקן ניגון, ווענדט זיך זרח דער שוסטער צום שבתדיקן בעל-תּפֿילה, חיַיקל-שעפּס, וועלכער האָט יאָ אַ שטיקל קול נאָר ער ווייסט מער ניט ווי די שבתדיקע ניגונים פֿון דאַוונען.

– אנו, חיַיקל – פּרוּווּ זיך! ווענדן זיך צו אים אייניקע בעלי-בתּים: זיַי זיך מבֿין!

חיַיקל-שעפּס ווערט רויט און ענטפֿערט קוים:

– איך האָב מורא.

– פּרוּוו, פּרוּוו: ה–מ–לך! ווײַזט אים זלמן שמיד אַ וועג.

– אײַ, קענסט דאָך אַליין! – רופֿט זיך אָן חנן מלמד און העלפֿט אים ווײַטער:

– יו – שבֿ – על – כּ – סא רם ו –נ – שׂאָ – אַ – אַ! – אַי – אַי – אַי – אַי – אַי – אַאַאַי!... כאַפּט אונטער דער עולם.

און דער בית-מדרש הילכט עטלעכע מינוט פֿון די ימים-נוראימדיקע נגונים, וועלכע האָבן באַגײַסטערט דער אסיפֿה...

– איצטער קענען אַלע, און ווי עס וועט קומען ראש-השנה וועט קיינער ניט קענען, – וואַרפֿט אַרײַן אַ בעל-הבית אַן השערה.

די השערה נעמען אַלע אָן, און דער עולם בלײַבט פֿאַרטראַכט.

– איר ווייסט, ייִדן, אַז מיר האָבן קיין בעל תּקיִעה אויך ניט! – איז מודיִע אין מיטן דרינען דער שמשׂ פֿון בימה.

דער עולם בלײַבט ווי געפּלעפֿט.

– וואָס הייסט: ווּ איז נחמן?

עס באַווײַזט זיך נחמן, אַ בלעך, דאַר בחורל פֿון אַ יאָר צוואַנציק, וואָס עסט דאָ טעג און לערנט "פֿאַר זיך" און שוין צוויי יאָר, אַז ער בלאָזט שופֿר אין בית-מדרש בחנם.

– הייאָר וועל איך בלאָזן אין דעם דאָרף סאָסנאָוטשינע: דרײַ קערבלעך גיט מען מיר... דרײַ קערבלעך... האָט ער קוים אויסגעשטאַמעלט מיט שרעק פֿאַר זײַן בגידה, וואָס ער האָט בוגד געווען אין זײַן קהלה, וואָס גיט אים עסן.

– ע, ביסטו אַ פּאַרך! – האָט עמעצער אויסגעשריִען.

– אַ גרויסער שייגעץ! – האָט נאָך עמעצער אונטערגעהאָלפֿן.

– "אַ דאַרמויעדניק"! – האָט אַ דריטער געזידלט..

און אויף דעם אָרעמען נחמנען האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן ווערטער און ווערטלעך, אַזש עס האָט אים ווי מיט נאָדלען געשטאָכן.

– איך דאַרף מאַכן אַ ווינטערדיקן בגד... איך קען ניט... האָט ער זיך געבעטן. – זײַט מיר מוחל... ווינטער איז קאַלט...

– וואָס וויל מען האָבן טאַקע פֿון אים? איז דער עולם צוריקגעגאַנגען: ער דאַרף זיך מאַכן אַ ווינטערדיקן בגד. ער גייט נעבעך אַ הוילער, אַ נאַקעטער...

– די מעשׂה איז דאָך אַזוי! – האָט יעדערער פּאָדטאַקעוועט.

– האָבן מיר הייסט עס, ניט קיין בעל-תּפֿילה און ניט קיין בעל-תּקיִעה?

– מיר האָבן, דאַכט זיך, קיין בעל-קריאה אויך ניט! – האָט מודיִע געווען ווידער דער שמשׂ פֿון בימה.

– וואָס הייסט! – האָט זיך דער עולם דערשראָקן: –ווו איז אַלטער פּעשעס, ווו איז ער?

– אַלטער פּעשעס וועט אויך לייענען אין סאָסנאָוויטשינע, – איז מודיִע, ווי אַ פֿאַרשולדיקטער, דער זעלביקער נחמן – ער נעמט צוויי קערבלעך.

דער עולם דערשרעקט זיך ניט אויף אַ געלעכטער: אַנדערע לאָזן אַראָפּ די קעפּ, ווי זיי וואָלטן געזוכט אַן עצה, אַנדערע ווידער הויבן אויף די קעפּ צו דער סטעליע און שטייען אַזוי פֿאַרטראַכט עטלעכע מינוט.

– וואָס איז דאָ פֿאַראַן וואָס צו קלערן? – רופֿט זיך אָן איינער: מען וועט הײַנטיקע ימים נוראים דאַווענען ביחידות...אויס קהלה!

– אַ שיינע מעשׂה נאָר אַ קורצע! – לאַכט ביטערלעך אַ צווייטער.

– דאָס דאַרף מען פֿאַרשרײַבן אין פּנקס.

– אויס וואָינעווקע!

– זאָלסט זיך אַלע צוזאַמענלייגן און דינגן פֿאַר אייגענע געלט, גיט אַן עצה חנן מלמד און דערשרעקט זיך גלייַך פֿאַר זייַנע אייגענע ווערטער.

– ווייַז אַהער אַ רובל. נו! שטעלט אויס זלמן שמיד די האַנט.

– איך האָב ניט! – פֿאַרשעמט זיך חנן. – פֿאַראַן דאָ אָבער בעלי-בתּים, וואָס האָבן...

– ווער האָט?

– קיינער האָט ניט!

– אַזוינע ימים-טובֿים גיין – אַ קלייניקייט!

– וואָס-זשע וועט זייַן?

– ניט גוט.

אין בית-מדרש רוישט. יעדער זאָגט אַן אַנדער עצה. נאָר קיין אמתע עצה איז ניטאָ.

פּלוצים גיט דער אַלטער שמש אַ פּאַטש איבערן בימה און אין בית מדרש ווערט שטיל.

– איך האָב אַן עצה, שווייַגט אַ ווייַלע!

– אדרבה, אדרבה! –- שרייַען אויס אַלע אונגעדולדיק.

דער שמש נעמט אין זיך אַרייַן אַ ביסל מער אָטעם ווי געוויינלעך, גיט אַ שטאַרקן שמעק טאַבאַק, ווישט די נאָז פֿון ביידע זייַטן און רעדט ענדלעך אַרויס:

– די מעשׂה דערפֿון איז אַזוי, די מעשׂה: אונדזער קהלה איז הייַנטיקן זומער באַגאַנגען אַ גרויסע נאַרישקייט, מיר האָבן די עטלעכע רובל, וואָס מיר האָבן פֿאַרמאָגט, פֿאַרטאָן אויף אַ נאַשערייַ, מיר האָבן פֿאַרגעסן אונדזער אָרעמקייט, אונדזער שטאַנד און אונדז האָט זיך פֿאַרוואָלט הערן אַ חזן. דער גוטער יאָר ווייסט ווער ער איז!

אַ דורכפֿאָרער אַ חזן, איז ניט קיין גרויסער צדיק. אַן ערליכער חזן זיצט אין דער היים... נאָר די מעשׂה איז – עס איז שוין אַן אָפּגעטונענע זאַך. דער סוף פּסוק איז: מיר זײַנען געבליבן אָן אַ בעל תּפֿילה אויף ימים נוראים, אָן אַ בעל תּקיִעה, און אָן אַ בעל קורא... ממש אָן גאָר נישט... אויב איר ווילט וויסן נאָך עפּעס – איז שוין דער שופֿר אויך ניט ווי געהעריק איז... איצט אלול צײַט, עטלעכע שקיעות – בלאָזט ער נאָך ווי עס איז; ס׳וועט אָבער קומען ראש-השנה, מען וועט דאַרפֿן אַזוי פֿיל בלאָזן: אַ תּרועה, אַ שבֿרים, אַ תּקיִעה-גדולה, – ער וועט זיך געוויס פֿאַרהאַלטן... פֿאַר אַ יאָרן נאָך האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן, אויב איר געדענקט?.. איך געדענק גאַנץ גוט... נחמן איז אַ גוטער בלאָזער ( דער עולם קוקט זיך אום אויף נחמנען און נחמן ווערט רויט...) לכן וואָלט געווען מײַן עצה, אַז מיר זאָלן הייאָר מאַכן בשותּפֿות מיט סאָסנאָווטשינע מנין, דהײַנו, מיר זאָלן אַלע גיין דאַוונען הייאָר אין סאָסנאָווטשינע – גיין מעג מען, סך הכל דריטהאַלבן וויאָרסט וועג, עס וועט זײַן אַ שפּאַציר... וועלן מיר אַלע פֿאַרשפּאָרן צו ברעכן די קעפּ: ווו נעמט מען אַ בעל-תּפֿילה, אַ בעל-קורא און אַ בעל-תּקיִעה און טאַקע אַ שופֿר אויך. ווײַל דער שופֿר, איך זאָג אײַך נאָך אַ מאָל, דער שופֿר ראש-השנה אָפּזאָגן... קיין ״תּרועה-שבֿרים״ וועט ער זיכער ניט נעמען. ער קען שוין ניט נעמען, ער איז שוין אַלט און האָט שוין עטלעכע פּגימות...פֿאַר אונדז איז געבליבן נאָר סאָסנאָווטשינע...

נאָך דעם שמשׂס רעד, האָט דער עולם אָנגעהויבן רוישן:

– פֿון שטאָט אין דאָרף! און נאָך ראש-השנה – ניין!

– זאָלן זיי, די ישובֿניקעס צו אונדז קומען!

– וואָס זײַנען זיי געוואָרן פֿאַר יחסנים!

– אַ מאָל פֿלעגן די ישובֿניקעס צו אונדז קומען דאַוונען.

– הײַנט האָבן זיי זיך אויסגעלערנט עבֿרי – מאַכן זיי אין דער היים אַ מנין...

– עבֿרי ווי עבֿרי, געלט קענען זיי געוויס צעהאַלטן...

– וואָס פֿעלט זיי? – פֿון אַלעס גוטן: פֿולע זאַשיקעס מיט קאַרטאָפֿל, מיט קרויט, מיט הינער, מיט אייער...

– סמעטענע, פּוטער און קעז...

– מיט אַלע צרות אויף זייערע קעפּ!...

– ששא, שילט זיך ניט ייִדן, עס איז אלול!

דער עולם האָט זיך פֿאַר דער קללה אין אלול דערשראָקן און איז געגאַנגען צוריק:

– ווער שילט זיך, ווער, ווער...

– קיינער ניט, קיינער ניט..

– וואָס האָט מען צו זיי?

– בערקע סאָסנאָווטשינער איז אַ טייַערער ייִד, ביי אים וועט זייַן דאַוונען אַ תּענוג: – אַ שטוב, ווי אַ פֿעלד, דריי מאָל ווי אונדזער בית-מדרש.

ערשט הייַ-יאָר האָט ער געשריבן אַ רייניקייט.

– אַ טייַערער ייִד!

און וואָס פֿעלט די איבריקע ישובֿניקעס? גוטע מענטשן!

– אודאי!

– בלייַבט עס אַזוי, אַז מיר גיין הייַ-יאָר דאַוונען אין סאָסנאָווטשינע?

– קיין אַנדער עצה איז ניטאָ.

– אַ טייַערע זאַך, ווי איך בין אַ ייִד – אַראָפּ אַ באַרג פֿון פּלייצע!

– שייַך אַ באַרג!

– מען דאַרף שיקן אָנפֿרעגן, צי דערלויבט ער.

– אַ שאלה, צי ער וועט דערלויבן, בײַ אים וועט זײַן נאָך אַ זכיה!

– אַ קלייניקייט! שטעטלשע ייִדן קומען דאַוונען אין דאָרף...

און די אסיפֿה האָט זיך געענדיקט בשלום.

---

און אַז די שטעטלשע ייִדן האָבן דעם ערשטן טאָג ראש-השנה אין דער פֿרי (מעריבֿ האָבן זיי געדאַוונט אין זייער בית-מדרש) געלאָזן זיך גיין דאַוונען אין סאָסנאָווטשינע, און האָבן פֿאַרבײַגייענדיק אַ קוק געטאָן אויף זייער אַלטן, האַלב אײַנגעפֿאַלענעם בית-מדרש, ווי ער שטייט אַזוי מיט זײַנע טונקעלע אויגן פֿאַרטרויערט און פֿאַריתומט, – האָט זיי זייערע הערצער געצופּט און געקלעמט און שטיל אָן ווערטער, נאָר מיט בליקן האָבן זיי אים מחילה געבעטן...

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון משה פֿעלער, נח מילער, לעאָנאַרד פּראַגער און רפֿאל פֿינקל.

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved